בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

431

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

קֶען מֶען מַאכְן יֶעדְן פַאר חַזָן אִין קְלַאס? .......... ב
ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁטִיף קִינְד? .......... ד
מַיין שְׁוֶועגֶערִין קֶען שְׁטֶערְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת? .......... ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נִישְׁט זִיךְ לָאזְן צוּרֶעדְן צוּ גֶט'ן .......... א
צִיפֶּעס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ .......... ב
פְּחָדִים פוּנֶעם אַלַארֶעם אַז עֶס קוּמְט אַ בָּאמְבֶּע .......... ג
מַצָּה בְּרֶענְגְט רְפוּאוֹת .......... ה
מְנִיעוֹת, בִּלְבּוּלִים, אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת .......... ו
בְּדִיקַת חָמֵץ מִיט שִׂמְחָה .......... ז
פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת .......... ט
גֵיין אָנְגֶעטוּן עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִי"שׁ .......... י
זַיי מְקָרֵב דַיין בְּרוּדֶער, אָבֶער אָן דֶעם הוּנְט .......... י
נִישְׁט זַיין שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע שְׁטִיבֶּער אִין שׁוּל .......... יא
הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵּיגָא .......... יב
אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת אִין אוּמַאן .......... יג
אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ .......... יג

בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה ........................................ יד

בַּאשֶׁעפֶּער מַאךְ מִיךְ רֵיין, מַאךְ מִיךְ אֵיידְל ........................ טו

מִיט שִׂמְחָה וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי דַאֲגוֹת, שְׁטוּתִים וְדִמְיוֹנוֹת ............ טז

גֵיי וַוייטֶער אִין פֶּעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין ........... טז

"אַ מְלַמֵּד אִיז שֵׁיין, אַ מְלַמֵּד אִיז פֵיין" ................................ יז

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען דִי סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת ............................ יח

צוּ וֶועם וֶועסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן? ................................................. יט

אַ זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם .............................. יט

הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן ............. כ

הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת הָאבְּן גְרֶעסֶערֶע נִסְיוֹנוֹת ................................ כא

אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען, אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְּן ........................... כב

גֵיין יֶעדְן טָאג צוּ אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה ........................................... כב

'יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים' קִימְפֶּעטָארִין הֵיים ........................................ כג

הַאלְט אָן דַיין שַׁיְיכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ................................ כד

קְנֶעכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאפְרַייטֶע מֶענְטְשְׁן ............................ כד

טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן? ...................................... כה

נָאר רֶעדְן מִיט אִים, דָאס אִיז דִי עֵצָה ......................................... כו

אֱמוּנָה הֵיילְט אַלֶעס אוֹיס ...................................................... כז

עֶנְקֶער שְׁטוּב זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַאלְן ................................ כז

פַארְוָואס וִויל נִישְׁט דָאס קִינְד גֵיין אִין חֵדֶר? ................................. כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען מֶען מַאכְן יֶעדְן פַאר חַזָן אִין קְלַאס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס מְלַמֵד פְּרוּבִיר אִיךְ צוּ מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר יֶעדְן קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר בַּיים דַאוֶוענֶען אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ גֶעלֶעגֶנְהַייט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָה, דָאס הֵייסְט צוּ אוֹיסְלָאזְן הוֹיךְ דִי שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זַיין אַ גוּטֶער חַזָן.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אֵיין קִינְד פַאר חַזָן, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ וַוארְטְן בִּיז יֶעדֶער עֶנְדִיגְט אַ שְׁטִיקְל אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיסְלָאזְן הוֹיךְ, הָאט עֶר פָּשׁוּט גֶעזָאגְט וַוייטֶער שְׁטִיל אוּן שְׁנֶעל. וְויפִיל אִיךְ הָאבּ אִים פְּרוּבִירְט צוּ מַסְבִּיר זַיין וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן רִיכְטִיג, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט שְׁטִיל אוּן שְׁנֶעל, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעמוּזְט זָאגְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט זַיין וַוייטֶער חַזָן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ צְווייטֶער בַּעַל תְּפִלָה.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגֶנְהַייט פַאר יֶעדְן צוּ זַיין דֶער חַזָן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף דָאךְ זַיין אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ; וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס וויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד', אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אַ מְלַמֵד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּצֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס אַ מְלַמֵד הָאט.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן אַ סֵדֶר מִיט דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁטֶעלְן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַּאסִיג אוּן פֶּעאִיג צוּ זַיין בַּעֲלֵי תְּפִלָּה - אַז זֵיי זָאלְן זַיין דִי בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען יָא מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער אָן אוֹיסְנַאם זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען אוּן זֵיי קֶענֶען, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם נֶעמֶען פוּן דֶעם אַ בַּאוַוייז אַז 'מִיר טוֹיגְן נִישְׁט, וְהָא רְאָיָ' אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין חַזָנִים וּבַעֲלֵי תְּפִלָּה'.

רִיכְטִיג אִיז אַז מֶען זָאל אַיינְטֵיילְן דִי כִּתָּה, גֶעבְן פַאר אַלֶעמֶען צוּ זַיין בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, מֶען קֶען אַיינְטֵיילְן דָאס דַאוֶוענֶען אִין צְוֵויי אָדֶער מֶער, אוּן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ הֶעכֶערֶע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, קְלָארֶערֶע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה - גֶעבְּט מֶען זֵיי, אוּן דִי אַנְדֶערֶע גֶעבְּט מֶען פַאר דִי אַנְדֶערֶע, אַזוֹי ווִי אִין שׁוּל; פְּסוּקֵי דְזִמְרָה אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר מֶערֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַנְדֶערְשׁ ווִי שַׁחֲרִית.

בּוֹי אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֶעב זֵיי אַלֶע פָּאסְטֶענֶעס, טֵייל אַיין דִי כִּתָּה אַז יֶעדֶער זָאל הָאבְן אַ זַאךְ, אוּן גֶעב אַלֶעמֶען אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף אַסַאךְ כָּבוֹד; דָאס גֵייט אָן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד וַוייל זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד אִיז נָאךְ קְלֵיין, בִּפְרַט קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער - דַארְפְן דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ. דֶערִיבֶּער, אַ קְלוּגֶער מְלַמֵד אוּן אַ קְלוּגֶע טִיטְשֶׁער - וֶועט הֵייבְן דִי קִינְדֶער אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעבְן קָאמְפְּלִימֶענְטְן, סַיי בָּרַבִּים אוּן אוֹיךְ פְּרִיוַואט.

**קַארְג נִישְׁט אוֹיף קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, זֶע עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט; מוּסָר וֶוערְטֶער אוּן קְרִיטִיק וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ קַארְגְן, אוּן נָאר מַמָּשׁ בְּלֵית בְּרֵירָה, נָאכְן גוּט דוּרְכְטְרַאכְטְן - זָאגְט מֶען אַמָאל מוּסָר וְכוּ', אָבֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער - דַארְף מֶען גֶעבְּן וָואס מֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ** (פְּסָחִים קטז:)**: "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ** (מִיכָה ז, טו)**: "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.**

...

## וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁטִיף קִינְד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק, אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע שִׁיעוּר, אוּן צוּמָאל הֶער אִיךְ אִיבֶּער אַ שִׁיעוּר עֶטְלִיכֶע מָאל, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען.

אִיךְ הָאב אַ שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ וִויל בֶּעטְן הִילְף פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דִי גְרוֹיסֶע טָאכְטֶער פוּן מַיין וַוייבּ פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ אִיר מַאמֶע זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מַמָּשׁ שְׁרֶעקְלִיךְ, עֶרְגֶער וִוי צוּ אַ שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית, סַיי אִין דִי וֶועג פוּן רֶעדְן, זִיךְ אוֹיפְפִירְן, פַארְלַאנְגֶען, זִי לַאכְט אִיר אִין פְּנִים אַרַיין אוּן הוּנְטֶער אִיר רוּקְן, זִי פַייפְט אִיר אָן אוּן דֶערְנִידֶערְט אִיר.

מַיין וַוייבּ וֶוערְט מַמָּשׁ צֶעטְרָאטְן בִּיז דֶער עֶרְד, זִי אִיז נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק, זִי פַאלְט אַלֶעמָאל פַאר אִיר טָאכְטֶער, זִי טוּט אַלֶעס וָואס דִי טָאכְטֶער פַארְלַאנְגְט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זִי זָאגְט שׁוֹין יָא אַמָאל עֶפֶּעס שְׁטְרֶענְג פַארְ'ן טָאכְטֶער, וֶועט דִי טָאכְטֶער אַלְץ טְרֶעפְן דֶעם וֶועג זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, אוּן אִיר וִוידֶער צֶעטְרֶעטְן.

אִיךְ בַּייס זִיךְ שׁוֹין דִי לִיפְּן פַאר אַסַאךְ יָארְן, אָבֶער דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין, וִוי לַאנְג קֶען מֶען צוּקוּקְן צוּ אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע

אוֹיפְפִירוּנְג און בְלַייבְן שְׁטִיל? און צְווייטְנְס מַאכְט עֶס אַז אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְן קוּקְן אוֹיף מַיין ווייב ווי אַ שְׁמַאטֶע, ווי אַ שְׁוואכְלִינְג.

אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, אִיךְ זֶע אָבֶער נִישְׁט קַיין לֶעזוּנְג צוּ דֶעם מַצָּב, אֶפְשָׁר הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִיץ דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, גֶעבּ אַוֶועק יֶעדְן טָאג פוּפְצְן - צְוָואנְצִיג מִינוּט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף דֶעם; אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן טָאג נָאךְ טָאג - וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט אַ יְשׁוּעָה.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וָואלְט דָאס גֶעוֶוען דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער - וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט מְחַנֵּךְ זַיין און זַיין גָאר שְׁטְרֶענְג צוּ פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ', אָבֶער אִין דַיין פַאל אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער טַאטֶע, דוּ בִּיסְט דֶער שְׁטִיף טַאטֶע - וֶועסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְטוּן, און אוֹיךְ וֶועט עֶס שָׁאטְן פַאר דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְן זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן אִיר קִינְד, נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט, נָאר טַאקֶע לִיבּ הָאבְּן, דוּרְךְ אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, זִיךְ אַריינְלֶייגְן אִין אִיר מַצָּב, דִי רַחְמָנוּת פוּן קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווִי זֵייעֶר לֶעבְּן פַאלְט זֵיי צַאם, ווִי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, ווִי דִי עֶלְטֶערְן צֶעטֵיילְן זִיךְ, ווִי דָאס צֶעשְׁטוּרֶעמְט זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן, זֵייעֶר מֹחַ וְכוּ'; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דֶער וָואס קוּמְט פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ מִיט גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר, דִי וֵוייטָאג, דִי יִסּוּרִים, דִי פְּחָדִים - וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ און צֶעטֵיילְן זִיךְ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי קִינְד מִיט רַחְמָנוּת - וֶועט דִי קִינְד זִיךְ טוּישְׁן, דִי קִינְד וֶועט ווערְן רוּאִיג, דִי קִינְד וֶועט אָנְהֵייבְּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

הָעִקָּר אִיז נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, תְּפִלָּה, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פון תְּפִלָּה. גֵיי אִין אַ ווינְקֶל און שְׁמוּעֶס דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים ווִי דָאס שֶׁעדִיגְט עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ'; וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מַיין שְׁוֶועגֶערִין קֶען שְׁטֶערְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק.

אִיךְ הָאב אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, דָאס אִיז אִיבֶּער מַיין שְׁוֶועגֶערִין וָואס שְׁטֶערְט מִיר מַיין שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס מַאכְט זִיךְ כְּסֵדֶר וֶוען מִיר שְׁמוּעֶסְן, אַז זִי בְּרֶענְגְט אַלְץ אַרוֹיס אַז מַיין מַאן אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט, און אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען און טוֹיגְלִיךְ, און דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי. נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז עֶס מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט, אָבֶּער דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי רֶעדְט בְּרֶענְגְט אַלֶעמָאל אַרוֹיס אַז אִיר מַאן אִיז דֶער בֶּעסֶערֶער, און מַיין מַאן אִיז צְוֵויט קְלַאסִיג.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען זִי רֶעדְט פוּן אִיר מַאן אַז עֶר הָאט צְווֵיי רֶעכְטֶע הֶענְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט צוּ אַלֶעס און קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, און אַז מַיין מַאן אִיז פַארְקֶערְט פוּן זַיין בְּרוּדֶער. אָדֶער קֶען זִי דֶערְצֵיילְן אַז זִי גֶעדֶענְקְט נָאךְ מַיין מַאן פוּן אַלְס בָּחוּר, ווִי אַזוֹי עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זִי לֵייגְט טַאקֶע צוּ אַז שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, אָבֶּער פַארְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ גָארְנִישְׁט. זִי זָאגְט עֶס נִישְׁט דַוְקָא אִים אַרָאפְּצוּרַייסְן, נָאר סְתָּם צוּ דֶערְצֵיילְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשִׂיוֹת.

זִי מַאכְט מִיךְ שְׁפִּירְן ווִי זִי וֵוייסְט אַלֶעס וֶועגְן מַיין מַאן, וַוייל זִי הָאט דָאךְ טַאקֶע חֲתוּנָה גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע יָאר פַאר מִיר, און זִי גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, און

אִיךְ קֶען אִיר אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּפְרֶעגְן, ווייל אִיךְ הָאב אִים דָאךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעמָאלְט.

כָּאטְשׁ וָואס זִי קֶען אוֹיךְ זָאגְן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף מַיין מַאן, אָבֶּער דִי נֶעגֶעטִיוֶוע זַאכְן וֶועגְן עֶס אִיבֶּער. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פַּארְדֵייעֶן, אוּן נָאךְ שְׁוֶועֶרֶער אִיז מִיר צוּ בְּלַייבְּן מִיט מַיין שֶׁעצוּנְג צוּ מַיין מַאן, צוּ הַאלְטְן ווייטֶער פוּן מַיין מַאן אוּן אִים נָאר אַרוֹיפְקוּקְן.

אִיךְ וויל נָאר צוּלֵייגְן אַז מִיר קוּמֶען זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר גוּט אַלְס שְׁוֶועגֶערִינְס, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען, נָאר אַלְס קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט אִיר אוּן מִיר שְׁמוּעֶסְן, קוּם אִיךְ נָאכְדֶעם אַהֵיים אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט שְׁטַארְק מַיין שְׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ בַּאקוּם אַלְץ דִי גֶעפִיל אַז זִי הָאט גֶעוואוּנֶען דִי לַאטֶערִי מִיט אִיר מַאן, אוּן אִיךְ בִּין אַרֵיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁוַואכֶערֶע מַאן.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ווִי אַזוֹי דַארְף אִיךְ אָנְנֶעמֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס זִי זָאגְט מִיר? סֵיי אַז עֶס טוּט מִיר פָּשׁוּט וויי, אוּן סֵיי אַז עֶס מַאכְט אִיךְ זָאל אַרָאפְּקוּקְן מַיין מַאן. זָאל אִיךְ אִיר עֶפֶּעס עֶנְטְפֶערְן? זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן שְׁטִיל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי בְּרִיוו זֶעט אוֹיס ווִי זִי אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע חָכְמָה אוּן נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע נַאר, עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דִי בְּרִיוו אַז זִי אִיז אַ נַארִישֶׁע פְּרוֹי.**

**מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן וָואס זִי זָאגְט, זוּכְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט אִיר, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אִיר זָאלְט מַאכְן אַ מַחֲלֹקֶת, אָפְּהַאקְן מִיט אִיר, נָאר רֶעדְט נִישְׁט מִיט אִיר קַיין סַאךְ; אַז זִי רוּפְט אַייךְ דַארְפְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי טֶעלֶעפָאן, אוּן אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ בַּיי שְׂמְחוֹת בַּאגְרִיסְט מֶען זִיךְ אוּן דָאס אִיז גֶענוּג.**

גֶעבְּט זִיךְ גָאר אַכְטוּנְג אַז אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת זָאל אַייךְ נִישְׁט צֶעפַּאלְן, מֵיינְט נִישְׁט אַז בַּיי אַ צְוֵוייטְן גְלַאנְצְט מֶער וִוי בַּיי אַייךְ; וָואס עֶס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן גְלַאנְצֶעדִיג מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי.

זוּכְט אַייךְ אִין דִי מִשְׁפָּחָה אֵיידֶעלֶע שְׁוֶועגֶערִינְס מִיט וֶועם צוּ מַאכְן קֶשֶׁר, נֶעמְט אַייךְ חַבְרְ׳טֶעס וָואס רֶעדְן נִישְׁט פוּן ׳מַיין מַאן׳, ׳דַיין מַאן׳, ׳יֶענֶעמְ׳ס מַאן׳; דִי וָואס רֶעדְן פוּן פוּן ׳מַיין מַאן׳, ׳דַיין מַאן׳, ׳יֶענֶעמְ׳ס מַאן׳ זֶענֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע, דִי זֶענֶען חוֹלֵי נֶפֶשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן דִי סָארְט פְרַיינְד.

נָאכְאַמָאל, לָאזְט אָפּ דִי שְׁוֶועגֶערִין, אִיר זֶעט אַלֵיינְס אַז יֶעדֶע מָאל אִיר עֶנְדִיגְט רֶעדְן מִיט אִיר קוּקְט אִיר אַרָאפּ אַייעֶר מַאן; וָואס זוּכְט אִיר זִיךְ צָרוֹת, לָאזְט אָפּ, זוּכְט אַייךְ אֵיידֶעלֶע שְׁוֶועגֶערִינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נִישְׁט זִיךְ לָאזְן צוּרֶעדְן צוּ גֶט׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן אִיר צוּ זִי זָאל זִיךְ גֶטְ׳ן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מַאן הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט; וָואס קֶען מֶען טוּן, זֵיי וִוילְן נִישְׁט הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג, אוֹיךְ זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דֶעם אַזוֹי סַאךְ בְּרִיוְון, אַז רוֹב רֻבָּם גִּיטִּין זֶענֶען צוּלִיבּ דִי עֶלְטֶערְן וָואס מִישְׁן זִיךְ אַרַיין.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו צוּ אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבְּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז אִיר זֶענְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אַייעֶר מַאן, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הֶעצְן אַייךְ אוֹיף אִיר זָאלְט אִים אָפְּלָאזְן.

אִיךְ הַאלְט אַז דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן אַ מַאן צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט אַ סְמַארְט טֶעלֶעפָאן, אוּן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הֶעצְן

אַייךְ אוֹיף, אַז דֶער וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט נָאךְ אַ וַוייבּ וְכוּ' - דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף זִיךְ צוּ גֶעטְ'ן. זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן מִיט כָּבוֹד אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּ מִיר קֶענְגְן מַיין מַאן קֶען אִיךְ מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט עֶנְק".

אִיר הָאט אַ טַייעֶרֶער מַאן, עֶר הָאט אַ גוּטֶע הַארְץ, אַ גוּטֶע נַאטוּר, זֶעלְטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַזַא גוּטֶע נַאטוּר, אַ שָׁאד צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי מִשְׁפָּחָה.

...

## צִיפֶּעס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט אִים עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן, מוּסָרְ'ן - זָאלְסְטוּ עֶס טוּן אֵיידְל. דַיין זוּן אִיז זֵייעֶר הַייקְל, עֶר אִיז זֵייעֶר אֵיידְל, מֶען דַארְף אוֹיף אִים זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן. עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה", מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זַיין וֶועג; יֶעדֶעס קִינְד הָאט זַיין נַאטוּר, זַיין מֹחַ, זַיין וֶועג - וִוי אַזוֹי עֶר וַואקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג; מִיט דֶעם קִינְד דַארְפְסְטוּ זִיךְ אָפְּגֶעבְן זֵייעֶר אֵיידְל, לוֹיט זַיין וֶועג.

דָאס וָואס עֶר זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ גוֹי וְכוּ'" - דָאס קוּמְט פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אוֹיבּ עֶר זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן זֵייעֶר אֵיידְל מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "חַס וְשָׁלוֹם, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוֹי, דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אַ אִיד קֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס אִיד, אַ אִיד בְּלַייבְּט אַ אִיד בָּזֶה וּבַבָּא, אַ אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַּעַל", זָאג אִים: "טַאטִי הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר זֵייעֶר טַייעֶר, דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן דוּ בְּלַייבְּסְט אַ אִיד".

בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ טוּן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ וֶוען אַלֶע אַרוּם כַאפְּן צִיפֶּעס וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ קִינְד וָואס אַלֶע זַיינֶע שְׁכֵנִים בַּיים טִישׁ כַאפְּן פוּן אִים - דַארְף

מֶען מִיט חָכְמָה אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי פְּלֶעצֶער עֶס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען זַיין, אָדֶער נֶעמְט מֶען אִים נֶעבְּן זִיךְ און מֶען גֶעבְּט אִים דִי כָּבוֹד, אָדֶער מַאכְט מֶען אִים פַאר דֶער גַבְּאַי וְכוּ׳; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר גֵייט טֵיילְן דִי טְרִינְקֶען פַאר דִי יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, מֶען גֶעבְּט אִים כָּבוֹד און מֶען בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִים.

אוֹיךְ אִין חֵדֶר, אַז דֶער מְלַמֵד זֶעט אַ קִינְד וָואס קָאכְט אִין אִים אַ פֵייעֶר און דִי אַרוּמִיגֶע וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ גַבָּאוּת, אָדֶער אִים זֶעצְן אוֹיבְן אָן און גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט און אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, בִּיז עֶר וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ און גֶעזוּנְט.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרַא"ש חַזֶר'ט אִין דִי בְּרִיוְון אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, און וֶוען אֵיינֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע קִינְדֶער, אַלֶע אַזוֹי גֶערָאטְן?" הָאט עֶר אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "וָואס מֵיינְט אִיר, קִינְדֶער זֶענֶען עֶפֶּעלֶעךְ וָואס מֶען רַייסְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פְּחָדִים פוּנֶעם אַלַארֶעם אַז עֶס קוּמְט אַ בָּאמְבֶּע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אַז דוּ וֶועסְט חַזֶר'ן אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זִינְגֶען: "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, אֶפֶס זוּלָתוֹ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס" - וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען עֶס צִינְדְט

זִיךְ אָן דִי אַלַארֶעם אַז עֶס קוּמְט אַ בָּאמְבֶּע, דוּ וֶועסְט גֶעדֶענְקֶען: 'שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, יֶעדֶע בָּאמְבֶּע הָאט אַן אַדְרֶעס, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט'.

בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוּמֶען דִי קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה) וֶוער עֶס הֶערְט שׁוֹפָר בְּלָאזְן פוּן אַ צַדִיק הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין רְעָמִים, דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ דִי אַלַארֶעמְס, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נט.): "לֹא נִבְרְאוּ רְעָמִים אֶלָּא לְפַשֵּׁט עַקְמִימִיּוּת שֶׁבַּלֵּב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט עֶס זָאל דוּנֶערְן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן הַארְץ דִי אַלֶע פַארְדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וָואס זֶענֶען 'עַקְמִימוּת שֶׁבַּלֵּב', דָאס וָואס מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְן, מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַכְטוּנְג גֶעבְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אַ 'רַעַם', עֶס הֵייבְּט אָן פַּייפְן דִי אַלַארֶעם אוּן מֶען זֶעט אַז דִי עֶרֶב רַב וָואס שְׁרֵייעֶן: 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִוֹ עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה', קֶענֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן אוּן גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער וָואס הֶערְט דֶעם צַדִיק שׁוֹפָר בְּלָאזְן דֶער דַארְף שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דִי דוּנֶערְן אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער טוּט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה תְּשׁוּבָה, וַוייל דֶער וָואס הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן צַדִיק - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין עַקְמִימוּת בְּלִבּוֹ.

קוּם אִין חֵדֶר, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן דִי אַלַארֶעם אוּן אוֹיךְ וֶוען דוּ טְרַאכְסְט פוּן דִי בָּאמְבֶּעס, דוּ וֶוערְסְט דֶערְשְׁרָאקְן - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי שְׁרֶעק, אִיךְ פַארְלִיר מַיין אָטֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוּנְטֶער דִי רְעָמִים, דוּ מַאכְסְט דָאס אַלֶעס אוּנְז אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי שְׁרֶעק, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט, בַּאשֶׁעפֶער הִיט אוּנְז אָפּ, הִיט אָפּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הִיט אָפּ אַלֶע אִידְן, אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן".

גֶעבּ אַ גְרוֹיס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מַצָּה בְּרֶענְגְט רְפוּאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, שְׁנַת תשפ"ו

מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ ווִיל אַייךְ ווִינְטְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע כָּשֵׁר'עֶ פֶּסַח, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִין דִי זְכוּת פוּן אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן דִי גְרוֹיסֶע צְדָקוֹת וָואס אִיר טוּט; אִיר הָאט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען, אִיר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אוֹיסְטֵיילְן פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח, דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת זָאל אַייךְ בֵּיישְׁטֵיין.

פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה קֶען מֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. מַצָּה אִיז מֶעדֶעצִין, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט דָאס, אַז מַצָּה אִיז אַ רְפוּאָה (פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:), אוּן אוֹיךְ אִיז דָאס אֱמוּנָה (שָׁם פָּרְשַׁת בֹּא, מא.), וָואס דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם; וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - דֶער הָאט אַ רְפוּאָה. זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים סֵדֶר נַאכְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶסְן דִי מַצָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע זִכָּרוֹן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעטוּמְלְט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע פְּחָדִים יֶעצְט אִין דִי צַייט פוּן דִי מִלְחָמָה, אוּן הִיט מִיךְ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט".

בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה, סַיי דִי כְּזֵיתִים אוּן סַיי יֶעדֶע שְׁטִיקְל מַצָּה בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כג,

כה): "וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ", דוּרְךְ עֶסְן דִי לֶחֶם עֹנִי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף אַלֶעס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א).

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייעֶר גֶעזוּנְט אוּן פַאר אַייעֶר זִכָּרוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מְנִיעוֹת, בִּלְבּוּלִים, אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ אוּן מֶען טוּט דִיר וֵויי בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיטְן גַבַּאי, עֶר בֶּעט אִיבֶּער, עֶר בֶּעט זָאלְסְט אִים מוֹחֵל זַיין, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן, עֶר גֵייט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִיר.

אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן אַזַא חֲבוּרָה, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט אוּן אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, וִוי אַזוֹי לָאזְט אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חֲבוּרָה... עַיֵּין שָׁם.

אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן, אֲפִילוּ וֶוער עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט הָאט מַחְשָׁבוֹת אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט; מֶען הָאט בִּלְבּוּלִים, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת; דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס לָאזְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִּיק, זֵיי ווִילְן נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מְתוּקָּן בָּזֶה וּבַבָּא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּלְבּוּלִים וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'.

דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן. נָאךְ דְרַיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן'; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וָואס רֶבִּי יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת; אִיז גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר - וֶוערְט פוּן 'שֶׁקֶר' - 'קֶשֶׁר'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן".

אִיךְ הָאף עֶס וֶועט בְּלַייבְּן צְוִוישְׁן אוּנְז אַ קֶשֶׁר, דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען דִי מְנִיעוֹת, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ' וְכוּ', וַוייטֶער דַאוֶוענֶען מִיט דִי טַייעֶרֶע חֲבוּרָה אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## בְּדִיקַת חָמֵץ מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז בְּדִיקַת חָמֵץ; מֶען רוּמְט אוֹיף דִי שְׁטוּבּ אֵיידֶער מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ, אַז אַלֶעס פוּן דֶער עֶרְד אִיז אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוּן צַאמְגֶעפַּאקְט

- אִיז גְרִינְגֶער בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, אוּן ווִי מֶער זַאכְן זֶענֶען אָנְגֶעלֵייגְט אִיז שְׁוֶוערֶער דִי בְּדִיקָה; זָאלְסְטוּ אַלֶעס אָנְגְרֵייטְן פוּן פָאָרְאוֹיס, אַז אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָר, אוֹיךְ אִיז דֶער מִנְהָג צוּ לֵייגְן צֶען בְּרֶעקְלֶעךְ חָמֵץ, עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶער סוֹד.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶעס מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל יֶעצְט פֶּסַח וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי אַלֶע אִידְן טוּעֶן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פֶּסַח פוּן אֵיין אִיד צוּם צְוֵוייטְן זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן צִי עֶר הָאט אֶפְשַׁר אַבִּיסְל בִּיר פַאר אִים, אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַס וְשָׁלוֹם! בִּיר אִיז חָמֵץ", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר מֶער, צְוֵויי מָאל דֶער וֶוערְד פוּן אַ פְלֶעשְׁל בִּיר וֶועסְטוּ מִיר יָא גֶעבְּן?" הָאט מֶען אִים ווִידֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין! בִּיר אִיז חָמֵץ", וֵוייסְטוּ וָואס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב - "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַ פְלֶעשְׁל בִּיר, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", אָבֶער יֶענֶער הָאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע אוּן שְׁרֵייט וַוייטֶער אַז בִּיר אִיז חָמֵץ. אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גוֹי אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט אִים צוּ פַארְקוֹיפְן זַיידְן, דֶעמָאלְט הָאט דִי רֶעגִירוּנְג נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "נֵיין, מֶען טָאר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט זַיידְן, מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם תְּפִיסָה", וֵוייסְטוּ וָואס - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב - "אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן זַיידְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן בִּיז טוֹיזְנְט רוּבְּל", הָאט דֶער גוֹי גֶעזָאגְט: "וַוארְט מִיךְ דָארְט אוּן דָארְט, אִיךְ וֶועל דִיר בְּרֶענְגֶען זַיידְן"; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶערוּפְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קוּק אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת יג, יז): 'וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ', עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא קֵיין פָּאלִיצֵיי וָואס קוּקְן דָאס נָאךְ, מִיט דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קֵיין בְּרֶעקְל חָמֵץ בַּיי קֵיין אֵיין אִיד, (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א יז, כא): 'מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין הֲפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת; מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע יְסוּרִים, און דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, יֶעדְן שְׁטַארְקְן מִיט דִי זִיסֶע הִתְחַזְּקוּת.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וֶוער נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען מֶען לַאכְט און מֶען שְׁפֶּעט וְכוּ'; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס גֵייט פָּאר, וָואס אִיךְ הֶער צַאם אִין אֵיין טָאג... דִי מֹחַ קֶען פְּלַאצְן פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, און נָאר דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן הֶעלְפְן.

ווּאוֹיל אִיז פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָּצָה, דִי הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה, און דִי אַלֶע זֶענֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "הַמְּזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", וֶוער עֶס טוּט פַארְן רַבִּים - וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

...

## גֵיין אָנְגֶעטוּן עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִי'ש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט קָאלִירְטֶע שִׁיךְ, אֲפִילוּ נָאר הַאלְבּ קָאלִירְט אוּן אֲפִילוּ נָאר אַ פֶּערְטְל וְכוּ', חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן גֵייעֶן נִישְׁט מִיט קָאלִירְטֶע שִׁיךְ, נָאר שְׁוַוארְץ; אַלְס בָּחוּר וֶוען דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה הָאסְטוּ זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ, זָאלְסְטוּ יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ זַיין שְׁטַארְק צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִי'שׁ.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; בֶּעט אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה), דִי מַדְרֵיגָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, אוּן דָאס אִיז 'עֶלְיוֹנָה מִן הַכֹּל', הֶעכֶער אַלֶע עֲבוֹדוֹת; ווארוּל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועט אִים זַיין גוּט בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## זַיי מְקָרֵב דַיין בְּרוּדֶער, אָבֶּער אָן דֶעם הוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בְּנוֹגֵעַ דַיין בְּרוּדֶער וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְקָרֵב זַיין אַ בְּרוּדֶער, אִים רוּפְן אוֹיף שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַפְקִיר זַיין דַיין שְׁטוּבּ, דָאס הֵייסְט

עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט זַיין הוּנְט, אוּן אֲפִילוּ אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם הוּנְט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען מִיטְן הוּנְט, וַוייל דָאס אִיז נָאךְ מֶער סַכָּנָה; וַוייל אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז זֵיי וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם דָאס וֶועלְן הָאבְּן; עֶס בְּרֶענְגְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה אוֹיפְן שְׁטוּב אוּן אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט דָאס אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט.

אִים קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן מוֹרָא, "מֻתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם" (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמֶת, סִימָן ב), אַז נִישְׁט וֶועט עֶר בַּאלֵיידִיגְט וֶוערְן, וַוייל בַּיי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ, קָשׁוּר בּוֹ כְּכֶלֶב - דִי וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אַז מֶען רֶעדְט צוּ זַיי קֶעגְן דֶעם.

רוּף אִים, זַיי אִים מְקָרֵב, שִׁיק אִים פַאר דִי יָמִים טוֹבִים יוֹם טוֹב זַאכְן; פַאר פֶּסַח - מַצּוֹת, פַאר פּוּרִים - הָמָן טַאשְׁן; זַיי אִים מְקָרֵב אוּן זַיי מִתְפַּלֵל עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

...

## נִישְׁט זַיין שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע שְׁטִיבֶער אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל חַיִּים בְּרוֹין נֵרוֹ יָאִיר, גַבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּם מֶענִידְזְשֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת, אֱלִיעֶזֶר שֶׁעמֶען נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל בַּאשְׁטֶעלְן אַ רָאוֹלְאָ"פ גֶעי"ט צוּ קֶענֶען פַארְמַאכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פִּיגָא שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אַז עֶנְקֶער שׁוּל זָאל זַיין פַארְזִיכֶערְט אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע צִימֶערְן וואוּ קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, וָואס קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְקוּמֶען מִכְשׁוֹלוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט; עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער וַוארְפְן אוֹיף דִי קְלַאסְן, אִיךְ וִויל עֶס אָפְּשְׁפָּארְן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה; וִוי

וֵוייניגֶער לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער אִין אַ שׁוּל - אִיז אַלְץ גֶעזוּנְטֶער אוּן הֵיילִיגֶער.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר לָאזְן וִויסְן אַז אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם וֶועל אִיךְ קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּתִים אִינֶעם נֵייעֶם גֶעגְנְט, דִי הַנְהָלָה הָאט מִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ דִירָה נֶעבְּן שׁוּל; אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן מְחַזֵק זַיין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט.

...

## הֶעלְפְן אִין בֵית פֵיגָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט קוּמֶען הֶעלְפְן אִין בֵית פֵיגָא, דִי סְקוּל וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער אוּן מִיר דַארְפְן וַוייבְּלֶעךְ זָאלְן הֶעלְפְן סֵיי מִיט טִיטְשְׁן אוּן סֵיי מִיט שְׁטֶעלְפַארְטְרֶעטְן, אִיבֶּערְנֶעמֶען טִיטְשֶׁערְס בְּעֵת שִׂמְחָתָם וְכַדוֹמֶה.

פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט דִי מְנַהֶלֶת מָרַת לֶעזֶער תְּחִיֶ', פְרֶעגְט אִיר וָואס אִיר קֶענְט הֶעלְפְן אִין בֵית פֵיגָא, אוּן אוֹיךְ זוּמֶער אִין מַחֲנֶה בֵית פֵיגָא, מִיט דֶעם וֶועט אִיר מִיר הֶעלְפְן; וַוייל דִי סְקוּל אִיז מִיר דֶער עִיקָר, אַלֶעס אִיז דִי מוֹסָד אִיז מִיר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אָבֶּער בֵית פֵיגָא אִיז מִיר דָאס מֶערְסְטֶע חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר; וַוייל אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען גוּט מְחוּזָק וֶועלְן מִיר הָאבְּן הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

...

## אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרְדְּכַי רָאזֶענְבֶּערְגֶער נֵרוֹ יָאִיר**

פֶּסַח אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען פָּארְט שׁוֹין צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען דִי נֶעמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס ווִילְן זַיין בַּיי אוּנְזֶער קִיבּוּץ, אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת אִין אוּמַאן; דִי יָאר קוּמֶען אַ פְּרִישֶׁער עוֹלָם מִיט דִי קִינְדֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶענְגֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי זֶעקְס יָאר.

עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ בֶּעט פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר דִי פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים אוּן דִי פְּרִישֶׁע תַּלְמִידִים אִין יְשִׁיבָה.

דִי יָאר וֶועלְן מִיר נָאכְנִישְׁט הָאבְּן דֶעם נַייעֶם בִּנְיָן, לָאמִיר הָאפְּן אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועלְן מִיר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם הָאבְּן נָאךְ אַ בִּנְיָן מֶער בַּאקְוֶועם, מֶער פְּרִיוַואט וְכוּ׳.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מִשְׁנָיוֹת ... מָאל, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ מְטַהֵר זַיין.

...

## אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דִי שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן, דִי מֵיידְל הָאט אָפְּגֶעזָאגְט - זָאל דִיר דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, עֶרְשְׁטְנְס דָאס אִיז נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, צְוֵוייטְנְס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב, סִימָן ז; חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן,

סִימָן תקצה), אַז יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט נָאר, אוּן זִיכֶער דִי שִׁדוּכִים וָואס מֶען גֵייט שׁוֹין אַרוֹיס רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן - דָאס אַלֶעס אִיז אוֹיךְ אַ שְׁטִיקֶל גֶעדַאנְק פוּן אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מַאכְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ זָאל אָנְקוּמֶען גִיכֶער.

לִיבֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דוּ מוּזְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, דוּ טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים מִיט מִשְׁנַיוֹת, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן גֵיי אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

...

## בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל דַיין הַצְלָחָה, בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קוּם אִין יְשִׁיבָה, קוּם יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, גֵיי נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, (וֶועסְט נָאךְ אַרְבֶּעטְן גֶענוּג אִין לֶעבְּן), בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה דִי קוּרְצֶע צַייט, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים מִיט אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן הַאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים, סֵיי פַארְמִיטָאג אוּן סֵיי נָאכְמִיטָאג, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה; וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי דִי בָּחוּרִים וָואס לָאזְן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווִי זֵיי הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; גְלֵייבּ מִיר, דִי גוּטֶע לֶעבְּן אִיז נָאר בַּיי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מִיךְ צוּהֶערְן, הַלְוַואי זָאלְסְטוּ קוּקְן אִינֶעם בְּרִיוועלֶע

יֶעדְן טָאג און זיךְ שְׁטַארְקְן צו קוּמֶען אין יְשִׁיבָה, און הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, און מַאכְן נַחַת פַאר דַיין טַאטֶע מַאמֶע און פַאר מִיר.

...

## בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ רֵיין, מַאךְ מִיךְ אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז אִידְן אִיז ׳צְנִיעוּת׳; אָבֶער לֵיידֶער פוּנֶעם לַאנְגְן גָלוּת וָואס מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, אִיז בַּיי אַ טֵייל מֶענְטְשְׁן גֶעפַאלְן דִי חֲשִׁיבוּת און דִי חֵן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און עֶס אִיז אַרִיבֶּער צוּ דִי גוֹיִים.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי חֵן און חֲשִׁיבוּת זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אוּנְז אִידְן, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט; בֶּעטְס דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

**״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע חֵן, אִיךְ וִויל זִיךְ פַארְעֶקְלֶען פוּן פְּרִיצוּת און שַׁחְצָנוּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ רֵיין, מַאךְ מִיךְ אֵיידְל, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדֶיקֶת, אִיךְ וִויל קִינְדֶער צַדִיקִים, קִינְדֶער וָואס וִוילְן דִיךְ דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע קִינְדֶער״ וְכוּ׳ וְכוּ׳.**

...

## מִיט שִׂמְחָה וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי דַאֲגוֹת, שְׁטוּתִים וְדִמְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַיינֶע כִיטְרֶע שְׁפִּיצְלֶעךְ ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּנַארְן מֶענְטְשְׁן אִין זַיין פַּאסְטְקֶע דוּרךְ זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן מִיט פְרוּמֶע לְבוּשִׁים, מִיט צֶעדְרֵייטֶע פְרוּמֶע טוּנְקֶעלֶע מַחֲשָׁבוֹת; בִּיז יֶעצְט הָאט אִיר גֶעדַאֲגָה'ט אוֹיף קִינְדֶער, יֶעצְט הָאט אִיר אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת, שְׁטוּתִים וְדִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס פֶעלְט אַייךְ אֵיין זַאךְ, עֶס פֶעלְט אַייךְ 'שִׂמְחָה'; אִיר דַארְפְט פָּשׁוּט אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וְשִׁגְעוֹנוֹת וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו, אוּן אוֹיךְ וָואס אִיר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ שְׁרַייבְּן - אַלֶעס וֶועט בָּטֵל וֶוערְן כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא.

הֶערְט אוֹיס שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, הֶערְט אוֹיס שִׁיעוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל - וֶועט אִיר פַארְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת.

...

## גֵיי וַוייטֶער אִין פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי נֵס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט בַּיים גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִין וַואלְד, וֶוען אַ פַארְצוּקְנְדֶע חַיָ' אִיז דִיךְ אִיבֶּערְגֶעפַאלְן אוּן בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בִּיסְטוּ נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע

עֲבוֹדָה, דוּ גֵיי וַוייטֶער אִין פֶעלְדֶער, אִין וֶועלְדֶער - זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׂרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן... בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט תְּפִלָּה.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט גוֹמֵל בֶּענְטְשְׁן; פְרֶעג דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א.

נָאכְאַמָאל, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט דִי סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט כַּמָּה פְּעָמִים גֶעהַאט דִי נִיסִים מִיט חַיּוֹת אוּן מִיט רוֹיבֶּערְס; אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

...

## "אַ מְלַמֵּד אִיז שֵׁיין, אַ מְלַמֵּד אִיז פֵיין"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דַיין לֶעבְּן גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן; מִיט זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין חֵלֶק.

קוּק זִיךְ אוּם אוֹיף דִי קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען זִיךְ נָאכְנִישְׁט מְסַדֵּר זַיין וְכוּ'; אַז דִי נָאז רִינְט - זָאלְסְטוּ זֵיי אָפְּוִוישְׁן מִיט גֶעפִיל, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין בֵּית הַכִּסֵּא - זָאלְסְטוּ זֵיי מִיט רַחְמָנוּת רֵיינִיגְן, זָאלְסְט זֵיי רֵיין מַאכְן מִיט גֶעפִיל; טְרַאכְט: 'וֶועם רֵיינִיג אִיךְ? דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס קִינְדֶער, פַארְוֶועם אַרְבֶּעט אִיךְ? פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס זֶענֶען דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער? נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל'.

גְלֶעט דִי קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי לִיבְּשַׁאפְט. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, עֶר פְלֶעגְט גְלֶעטְן אוּן קוּשְׁן דִי קִינְדֶער מִיט דִי גְרֶעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט; טַייעֶרֶער יַעֲנְקִי, זִינְג זִיךְ דִי נִיגוּן: "אַ מְלַמֵּד אִיז שֵׁיין, אַ מְלַמֵּד אִיז פֵיין, אַ מְלַמֵּד אִיז נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין".

דַאוָוענֶען מִיט דִי זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן און לֶערְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים פַארְן דַאוָוענֶען.

...

## דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען דִי סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט צוּ קוּמֶען רֶעדְן, דוּ ווילְסְט הַדְרָכָה אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, דוּ ווילְסְט פִירְן דַיין שְׁטוּבּ רִיכְטִיג.

קֶענְסְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן מַגִיד שִׁיעוּר יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר; יֶעדֶע זוּנְטָאג אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען קוּמֶען רֶעדְן.

אַז דוּ ווילְסְט פִירְן דַיין שְׁטוּבּ רִיכְטִיג און הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם כְּלַל: ״טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ״, און נָאךְ אַ זַאךְ: ״גֶעבּ כְּסֵדֶר גוּטֶע וֶוערְטֶער״; דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען דִי סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ׳טַעֲנָה׳ן מִיט דִי וַוייבּ׳, מִיט דִי וַוייבּ טַעֲנָה׳ט מֶען נִישְׁט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, מִיט דִי וַוייבּ פַארְבְּרֶענְגְט מֶען, מֶען רֶעדְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער, און מֶען הֶערְט אוֹיס אִירֶע קְרֶעכְצְן, אִירֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳.

קֶענְסְט קוּמֶען רֶעדְן, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין אוֹיף דִי זַאכְן, דוּ וֶועסְט חַזֶר׳ן דִי בְּרִיוּו - וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קוּמֶען, דַיין שְׁטוּבּ וֶועט שַׁיינֶען און לַייכְטְן, עֶס וֶועט זַיין אֱמֶת׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת.

גֵיין יֶעדְן טָאג אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מְסַאטְמֶער), גִיס אוֹיס דַיין הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִים - וֶועסְטוּ הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת, וֶועסְט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

...

## צוּ וֶועם וֶועסְטוּ זִיךְ וֶוענְדְן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, בִּיסְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מַיין הַארְץ.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; פַּארְוָואס גֵייט דָאס אַזוֹי? פַּארְוָואס פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס? וַוייל מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן; אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים, עֶר וֶועט זִיךְ צוּ אִים אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן דִי צַדִּיקִים; מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מִתְרַעֵם גֶעוֶוען אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תַּרְעוּמוֹת, זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַלֶעס מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה.

...

## אַ זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז; דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט לָנֶצַח נְצָחִים.

הַיינְט הָאבְּן מִיר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַ זִיסֶע וֶועג פַּאר

יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּנֶעם שַׁארְפְסְטְן קָאפּ בִּיזְן שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה", דֶער עִיקָר בַּיים לֶערְנֶען אִיז דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן בְּלַחַץ אַז מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט; וַוייל אַז מֶען אִיז גוֹרֵם בְּהַתְמָדָה קוּמְט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אִין אַלֶע צַייטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט טִרְדוֹת וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ.

...

## הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער לַאנְגֶע בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט נִישְׁט צוּרִיק דַיין וַוייבּ פוּן גֵיין הֶעלְפְן אִירֶע עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן עֶנְקֶער לֶעבְּן; וַוייל דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת וָואס מִיר הָאבְּן.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין הֶעלְפְן אִיר אַלְטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן, עֶנְק וֶועלְן גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, עֶנְק וֶועלְן גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט נַחַת בַּיי עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אוּן מִיט אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, מִיט גֶעזוּנְט אוּן פְרֵייד.

ווִי לַאנְג מֵיינְסְטוּ הָאט מֶען בִּכְלַל אִין לֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ טוּן דִי מִצְוָה? עֶס לוֹינְט זִיךְ יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן עֶלְטֶערְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן. שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי מִצְוָה,

הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן צוּ בֶּענְקֶען, מֶען בַּאוֵויינְט דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט בַּאדִינְט.

אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, גֵיי אַרִיבֶּער צוּ אִים, זֶע וָואס דוּ קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן.

...

## הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת הָאבְּן גְרֶעסֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דִי נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳; דָאס דַארְף דִיר זַיין שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי טוּמְאָה פַּארְלֵייגְן זִיךְ זֵייעֶר סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס הָאבְּן אַ כֹּחַ צוּ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע, זֵיי וַוארְפְט מֶען אַרָאפּ, זֵיי אִיז מֶען מַכְשִׁיל רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַנְשְׁטָאט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט אוֹיפְגֶעבְּן - זָאלְסְטוּ זִיךְ פוּן דֶעם שְׁטַארְקְן אַז עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן טוּט זִיךְ מִיט דִיר, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט פוּן דִיר זַיין גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

בְּרוּדֶער, חֲזַק וֶאֱמָץ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מַאךְ שׁוֹין דַיינֶע פְּלֶענֶער צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, צוּ מְקַבֵּל זַיין אַ תִּיקוּן.

...

## אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען, אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וְכוּ׳; מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט טָאג אוּן נַאכְט קְרִיטִיקִירְן, מוֹהֲרַנַ״ת הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר דַארְף מֶען גִיבְן אַ שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת; בִּפְרַט פַּאר קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען, אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְּן, אַז דִי מוּסָר זָאל הָאבְּן וואוּ חַל צוּ זַיין; אַמָאל טְרַאכְטְן קִינְדֶער: ׳וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן פָאלְגְן וְכוּ׳? אִיךְ בִּין דָאךְ סֵיי וִוי נִישְׁט גוּט, אִיךְ בִּין סֵיי וִוי אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיךְ סֵיי וִוי נִישְׁט לִיבּ...׳

רוֹב פֶּעלֶער, אוֹיבּ נִישְׁט אַלֶע, וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן - אִיז עֶס צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַ גֶעפִיל אַז מֶען הַאלְט סֵיי וִוי נִישְׁט פוּן זֵיי, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טְרָאסְט אִין זֵיי; דָאס אִיז דִי גוֹרֵם אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גוּט פִירְן.

זֶעט אוֹיסצוּלוֹיבְּן, אוֹיסְרִימֶען אוּן פַּארְלַאנְגֶען, אָבֶער מִיט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט.

...

## גֵיין יֶעדְן טָאג צוּ אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, אוּן דוּ גֵייסְט בַּיינַאכְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ״א. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דֶער וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג צוּ אַ שִׁיעוּר תּוֹרָה, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אַנְדֶערְשׁ; דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דִי שְׁטוּבּ, דִי שָׁלוֹם בַּיִת; מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן מִיט דִי תּוֹרָה.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיפְן שִׁיעוּר, זֶע אַלֶעס צוּ לֵייגְן אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן אוּן זָאלְסְט גֵיין צוּם שִׁיעוּר. יֶעצְט זוּמֶער דַארְף מֶען אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁמִירָה צוּ הָאבְן יִרְאַת שָׁמַיִם, שְׁמִירַת עֵינַיִם, שְׁמִירַת הַמֹּחַ, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא, מֶען גֵייט צוּ אַ שִׁיעוּר - הָאט מֶען כֹּחַ עוֹמֵד צוּ זַיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן בְּלַייבְן אָפְּגֶעהִיטְן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

...

## ׳יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים׳ קִימְפֶּעטָארִין הֵיים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת אַפֶּעל תְּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר אַייךְ דִי אַרְבֶּעט בַּיי ׳יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים׳, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט אִסְרוּ חַג פֶּסַח, וֶוען מֶען דַארְף אַוֶועקְלֵייגְן דִי פֶּסַח כֵּלִים וְכוּ׳, דָאךְ טוּט אִיר אַוֶועק גֶעבְן אַייעֶרֶע לֶעצְטֶע טְרָאפְּנְס כֹּחַ פַאר דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, קִימְפֶּעטָארִינְס, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אִין אוּנְזֶער ׳יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים׳ קִימְפֶּעטָארִין הֵיים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן כֹּחַ אוּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אוֹיךְ אִידִישׁ נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, בִּזְכוּת דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אִיבֶּערְגֶעבְן פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן אַייךְ מִיט דִי ׳יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים׳, אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע אַקְטִיווִיטֶעטְן פַאר קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַז אִיךְ דַאוֶוען פַאר זֵיי אַלֶע אוּן אִיךְ בֶּענְטְשׁ זֵיי אַלֶע.

...

## הַאלְט אָן דַיין שַׁייכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט דִיךְ צוּ זֶען פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הַאלְט אָן דַיין שַׁייכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אַז מֶען קוּמְט צְווִישְׁן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים, מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס מֶען רֶעדְט - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְקְלֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אֱמוּנָה אוּן נָאךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג, עֶנְדֶערְשׁ קוּם אִין שׁוּל מִיט גוּטְן, וַוייל אַז נִישְׁט - דְרֵייט מֶען פוּן הִימְל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה אוּן מוּזְן קוּמֶען אִין שׁוּל, עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין, מֶען טְרַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מָקוֹם אִין דִי וֶועלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אוֹיךְ אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מְזֻמָּן לִזְמַן מִיט דַיין וַוייבּ רֶעדְן, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף קוּמֶען רֶעדְן, אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּבּ רִיכְטִיג. (פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט יִשְׂרָאֵל שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז זוּנְטָאג דִי צַייט פַאר יוּנְגֶע קָאפְּלְס צוּ קוּמֶען רֶעדְן).

...

## קְנֶעכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאפְרַייטֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ...**

אַייעֶר מַאן הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעטֵיילְט וְכוּ׳, מִיט אַ תֵּירוּץ וְכוּ׳, (עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעדְן מִיט מִיר, נָאר נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען וִוי זַיין פָּנִים אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אִים אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן אַז עֶר מוּז

דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר); אִיךְ בִּין זִיכֶער מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאר דוּרְךְ שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה, אוּן נָאר דוּרְךְ לֶעבְּן בְּאַהֲבָה וְכוּ׳ - וֶועט קוּמֶען דִי רְפוּאָה, אוּן אַלֶע אִינְפֶעקְשְׁנְס וֶועלְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן, (בִּכְתַב אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ); ווארויל אִיז אוּנְז אִידְן וָואס מִיר טוּעֶן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הֶערְן נִישְׁט אוֹיס דִי לִינְקֶע אַפִּיקוֹרְסִי׳שֶׁע דֵעוֹת וָואס זָאגְן: ׳מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ׳. פֶּסַח הָאבְּן אַלֶע אִידְן גֶעגֶעסְן מָרוֹר, אֲפִילוּ עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אוּן גֶעצִיפְּט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶע מִצְוֹת; מִיר טוּעֶן דָאס נָאר וַוייל מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען מִיר אֱמֶת׳ע בְּנֵי חוֹרִין, בַּאפְרֵייטֶע מֶענְטְשְׁן.

בִּזְכוּת וָואס עֶנְק וֶועלְן לֶעבְּן בְּאַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת וֶועט קוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת.

...

## טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אָנְטְרָאגְן פַאר דִיר שִׁידוּכִים פוּן אוּנְזֶער מֵיידְל סְקוּל ׳בֵּית פֵיגָא׳, אָבֶּער יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, בִּין אִיךְ נִישְׁט זִיכֶער וואו צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר; אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זֶענֶען אֵיידְל אוּן תְּמִימוּת׳דִיג, בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת פָאלְגְן וָואס מוֹהֲרַא״שׁ אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן; וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן.

הַלְוַואי דְרֵייסְטוּ זִיךְ צוּרִיק צוּ דִי וֶועג פוּן דִי עֶרְלִיכֶע תְּמִימוּת׳דִיגֶע בָּחוּרִים וָואס נֶעמֶען נִישְׁט אִין הַאנְט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, הַלְוַואי לָאזְטוּ אָפּ דִי פָאר חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ אַרָאפּ אַרָאפּ אַרָאפּ בִּיזְן שְׁאוֹל תַּחְתִּית; וֶועל אִיךְ קֶענֶען זַיין אַ גוּטֶער שְׁלִיחַ צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן, דִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע

תְּמִימוּת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְל, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

...

## נָאר רֶעדְן מִיט אִים, דָאס אִיז דִי עֵצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אוֹיף דַיין זוּן׳ס טֶעלֶעפָאן נוּמֶערְן פוּן עֶי-אַיי, דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג אַוֶועק צוּ נֶעמֶען זַיין טֶעלֶעפָאן.

רִיכְטִיג אִיז אַז עֶנְק זָאלְן רֶעדְן מִיט אִים פוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן רוּפְן דִי נוּמֶערְן אוּן פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, אִים מְחַזֵּק זַיין זִיךְ אָפְּצוּהִיטְן פוּן דִי פְרֵייעֶ אַפִּיקוֹרְסִי׳שֶׁע לֶעבְן; וַוייל אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֶעלֶעפָאן פוּן אַ בָּחוּר אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, סַיי וַוייל עֶר קֶען וַוייטֶער הָאבְן צוּטְרִיט צוּ אַ טֶעלֶעפָאן, אוֹיךְ וָואס וֶועט זַיין נָאךְ זַיין חֲתוּנָה... דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, נָאר רֶעדְן מִיט אִים, דָאס אִיז דִי עֵצָה.

אוֹיךְ זָאלְן עֶנְק רֶעדְן צוּ אִים פוּן דָאס ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן הָאבְן אַ וֶועג-וַוייזֶער אִין לֶעבְן, יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְן. יֶעדֶע זַאךְ; אֲפִילוּ מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן פְרֶעגְן אִיז רִיכְטִיג צוּ פְרֶעגְן, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען פַארְקְרִיכְט נִישְׁט. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קמג): ״מַעֲלַת הַמְקַבֵּל עֵצָה מֵחַכְמֵי הַדּוֹר, כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים״, אַז מֶען פְרֶעגְט אַן עֵצָה בַּיי דִי חַכְמֵי הַדּוֹר וֶוערְט אַלֶעס זִיס, אוּן אַזוֹי אִיז אַלֶעס עַל פִּי מִשְׁפָּט מִלְמַעְלָה, עַיֵּין שָׁם.

אוֹיךְ זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער בַּאזוּנְדֶער מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען.

...

## אֱמוּנָה הֵיילְט אַלֶעס אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ עֶרֶב פֶּסַח הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי דוּ רִירְסְט זִיךְ נִישְׁט אָן דַיין גְמָרָא, דוּ גֵייסְט מִיט דִי גְמָרָא, דוּ קוּמְסְט מִיט דִי גְמָרָא; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר.

אִיךְ וִויל דִיךְ זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ שְׁטִילֶע פֶעלְדְל פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס טוּט דִיר וֵוייא, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, זָאג אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אוּן אֱמוּנָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען, אֱמוּנָה הֵיילְט אַלֶעס אוֹיס, אֱמוּנָה אִיז דִי חַיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, וִוי מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט - וָואלְטְן אַלֶע נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם.

...

## עֶנְקֶער שְׁטוּב זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַּאלְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, מְבָרְכִין אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ צַעַר פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ אִין מִצְרַיִם, בִּבְחִינַת ׳וַיַרְא אֶת עָנְיֵנוּ, זוֹ פְּרִישׁוּת דֶרֶךְ אֶרֶץ׳ וְכוּ׳, עֶנְק לֶעבְּן נִישְׁט וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט, אוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז אַ חַבֶרְ׳טֶע הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז

דִי צַעַר און וֵוייטָאג קוּמְט פון לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דָאס אִיז לִיגְנְט.

זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הַאלְטְן דַיין שְׁטוּב, דִי שְׁטוּב זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם, גֵיי אִין פֶעלְד שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בְּמַחְשָׁבָה דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר עֶנְקֶער שְׁטוּב עֶס זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ, עֶס זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צֶעפַאלְן.

...

## פַארְוָואס ווִיל נִישְׁט דָאס קִינְד גֵיין אִין חֵדֶר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ-מְצוֹרָע, כ״ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרְדְכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַיין זוּן וֵויינְט אַז עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן, עֶר זָאגְט נִישְׁט וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִים, און ווִיפִיל דִי עֶלְטֶערְן פְּרוּבִּירְן אִים אִיבֶּער רֶעדְן יָא צוּ גֵיין - ווִיל עֶר נִישְׁט גֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן וָואס גֵייט פָּאר, וָואס אִיז דָאס אַז אַ קִינְד ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר; וָואלְט עֶס גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד - דָאס אִיז נָארְמַאל, קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַמָאל מֶער בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי מַאמֶע, מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג, אָבֶּער אַז אַ גְרוֹיס קִינְד זָאל נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אִין חֵדֶר - מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר; אָדֶער קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען, אָדֶער דֶער מְלַמֵד מִיטְן קִינְד זֶענֶען צֶעאַמְפֶּערְט; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט דָאס פַארְעֶכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...